# תשא

## מנין בני ישראל

די הייניקע פרשה הויבט זיך אָן: "וידבר ה' אל משה לאמר כי תשא את ראש בני ישראל" – דער אויבערשטער זאָגט אָן אַז מ'זאָל ציילן אידן.

דער ענין פון ציילן אידן איז:

בשעת מ'ציילט מענטשן, איז דער קלענסטער צווישן זיי ווערט געציילט ווי איין גאַנצער פונקט ווי דער גרעסטער צווישן זיי. ווי מיר זעען בפשטות, אַז בשעת מ'ציילט אידן צו אַ מנין, איז ניט קוקנדיק וואָס איינער האָט געלערנט אַ סך, און איז שוין אַלט אַ סך יאָרן, און דער צווייטער איז גאָר אַ קליינער אין לערנען, און איז ערשט געוואָרן בר-מצוה – רעכענען זיי זיך ביידע גלייך פאַר **איינעם**. דער קלענסטער רעכנט זיך פאַר איינעם פונקט ווי דער גרעסטער רעכנט זיך פאַר איינעם.

**בשעת מ'ציילט אידן רעכנט זיך דער קלענסטער פאַר איינעם פונקט ווי דער גרעסטער רעכנט זיך פאַר איינעם**

איינע פון די אָפּלערנונגען וואָס מ'קען דערפון אַרויסנעמען פאַר "צבאות השם":

יעדערער וואָס איז אַריין אין "צבאות השם", איז אין "**לגיון של מלך**"[1] (דעם קייסערס אַרמיי) – ווי עס שטייט אויף שבט לוי[2].

שבט לוי, "לגיון של מלך", הויבט מען אָן ציילן גלייך ווי מ'ווערט געבאָרן, "מבן חודש ומעלה"[3] (ווען מ'זעט אַז ס'איז אַ געזונטער קינד[4]). און לויט דעם וואָס דער רמב"ם זאָגט[5] אַז "**לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש כו' אשר נדבה רוחו** כו'" (ניט נאָר שבט לוי, נאָר יעדער איינער וואָס גיט זיך אָפּ צו דינען דעם אויבערשטן) – איז ער אַזוי ווי די לוים און כהנים און "ה' חלקו

ונחלתו"[5] – איז פאַרשטאַנדיק, אַז פונקט ווי שבט לוי האט מען אָנגעהויבן ציילן "מבן חודש ומעלה", אַזוי אויך הויבט מען אָן ציילן יעדער אידיש קינד וואָס גיט זיך אָפּ אויף דינען דעם אויבערשטן, דורך לערנען זיין תורה און מקיים זיין זיינע מצוות – גלייך פון ווען ער ווערט געבאָרן, "מבן חודש ומעלה", און גלייך דעמולט גייט ער אַריין אין "לגיון של מלך", אין "צבאות השם".

און וויבאַלד אַז ער ווערט שוין דעמולט "געציילט", ווערט ער גערעכנט אַלס איין גאַנצער פונקט אַזוי ווי דער גרעסטער איד, אַזוי ווי אהרן כהן גדול.

דערפון האָט מען אַן אָפּלערנונג:

> **יעדער אידיש קינד וואָס גיט זיך אָפּ אויף דינען דעם אויבערשטן, גלייך דעמולט גייט ער אַריין אין "לגיון של מלך", אין "צבאות**

אַ קליין קינד קען דאָך ביי זיך טראַכטן אַז ער קען ניט אויפטאָן אַזויפיל ווען ער ווייסט אַז ער דאַרף נאָך אַ סך לערנען, און מקיים זיין נאָך אַ סך מצוות.

דערציילט מען אים אַז "לגיון של מלך", "צבאות השם", ווערן "געציילט" גלייך ווי מ'ווערט געבאָרן ("מבן חודש ומעלה"), און במילא ווערט ער גערעכנט אַלס איין גאַנצער פונקט ווי דער גרעסטער ווערט גערעכנט אַלס איין גאַנצער אין דער ציילונג פון דעם שבט וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן אויף דינען דעם אויבערשטן!

עס מאָנט זיך נאָר אַז דער אידישער קינד זאָל באַשליסן צו דינען דעם אויבערשטן, צו ווערן אַן אמת'ער "יהודי", וועלכער איז מודה בכל התורה כולה[6], לערנען תורה און מקיים זיין אירע מצוות, און טוט אַזוי יעדן טאָג, "בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך"[7].

(י"ב אדר תשמ"ב)

1) ראה גם לקוטי שיחות חלק כג עמוד 251 ואילך. 2) פרש"י במדבר א, מט. 3) במדבר ג, טו. 4) ראה פרש"י עה"פ. 5) סוף הלכות שמיטה ויובל. וראה גם לקמן חלק ב' פ' קרח (ע' 40), פ' שופטים (ע' 120), פ' ברכה (ע' 192 ואילך). 6) כמאחז"ל "כל הכופר בעבודה זרה נקרא יהודי" (מגילה יג, רע"א), "והכופר בה (בעבודה זרה) הוא כמודה בכל התורה כולה" (קידושין מ, א). 7) ואתחנן ו, ז - מה"י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל".